בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת שופטים תשע"ה

גליון 324 [שנה ז']

**שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ:** (ט"ז י"ח) פארוואס שטייט די מצוה פון שופטים נאך די פרשה פון שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים | בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָל זְכוּרְךָ אֶת פְּנֵי | ה' אֱלֹקֶיךָ, פון עולה רגל זיין? נאר ווען נישט וואס די תורה הייסט שטעלן דיינים אין יעדן שטאט, וואלט מען געקענט זאגן אז מען גייט דאך סיי ווי דריי מאל א יאר קיין ירושלים, איז אלע דין תורה'ס וועט מען ווארטן ביז מען גייט צו די סנהדרין אין לשכת הגזית! זאגט די תורה, ניין! אפילו מען גייט קיין ירושלים דארף מען שטעלן דיינים אין די שטעט, ווייל עס איז א דא א הלכה פון עִינוּי הַדִּין פון פייניגן יענעם ביז די משפט, און עס שטייט אין אבות (פרק ה מ"ח) חֶרֶב בָּאָה לָעוֹלָם עַל עִנּוּי הַדִּין, ממילא זאל מען נישט ווארטן, נאר גלייך מאכן א דין תורה אין דיין שטאט, דאס איז די סמיכות, שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ, שטעלן דיינים ביי דיר אין שטאט, און נישט ווארטן אויף דיין עלייה לרגל. (אור החיים הק')

**לְבִלְתִּי רוּם־לְבָבוֹ מֵאֶחָיו:** (יז כ) בִּלְתִּ"י איז דער נוטריקון לָמָּה ה' תַּעֲמֹד בְּרָחוֹק: (תהלים י א) דאס שטייט דא לְבִלְתִּי, פארוואס איז דער אויבערשטער ווייט פון דיר? ווייל רוּם־לְבָבוֹ מֵאֶחָיו, דו האלטס זיך גרעסער פון דיינע ברידער. און חז"ל זאגן (סוטה דף ה) אמר הקדוש–ברוך–הוא: אין אני והוא יכולים לדור בעולם, שנאמר (תהילים קא, ה): גְּבַהּ־עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ לֹא אוּכָל, א מענטש וואס איז א בעל גאוה זאגט דער אויבערשטער אין אני והוא יכולין לדור, איך קען נישט זיין מיט דיר. (ליקוטי אמרי חיים וויזניץ)

**וְכִי תֹאמַר בִּלְבָבֶךָ אֵיכָה נֵדַע אֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר לֹא דִבְּרוֹ ה': אֲשֶׁר יְדַבֵּר הַנָּבִיא בְּשֵׁם ה' וגו'**(יח כא–כב). זאגט רש"י ד"ה אשר ידבר. זאלסט נאר הערן אויב דער נביא איז א צדיק גמור אזוי ווי אליהו ביי הר הכרמל וואס האט מתיר געווען צו מקריב זיין אויף א בָּמָה, אבער נאר לצורך שעה, איז דעמאלטס אֵלָיו תִּשְׁמָעוּן. עס שטייט אין סוף משנה (פ"ט דברכות) עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ (תהלים קיט קכו) זאגט ר' נתן הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, עֵת לַעֲשׂוֹת לַה'. לכאורה וואס איז ר' נתן מוסיף דא? נאר די הייליגע רמב"ם (הל' יסודי התורה פ"ט ה"ג) שרייבט אז עס איז דא צוויי תְּנָאִים ביים זיך צוהערן דער נביא, איינס, אויב ער וועט זאגט דינען עו"ז טאר מען זיך נישט צוהערן צו איהם, און צוויי, נאר אויב ער זאגט מען זאל נישט טאן די מצוה לצורך שעה ע"כ. כדי צו פארשטיין די רש"י און רמב"ם, ווייל די גמ' זאגט (מכות כד.) אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו, די ערשטער צוויי דיברות האט מען געהערט פון אויבערשטן, משא"כ די אלע אנדערע מצות האט מען געהערט פון משה רבינו. יעצט שטייט עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ: קומט ר' נתן און גיט אונז צוויי תְּנָאִים ווען מען מעג זיין הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ? איינס עס מוז זיין תּוֹרָתֶךָ וואס משה רבינו האט אונז געזאגט, אבער דינען עו"ז איז תורת ה' וואס מיר האבן געהערט פון אויבערשטן, דאס טאר מען נישט פאלגן דעם נביא, און צוויי "עֵת" לַעֲשׂוֹת לַה', נאר אויף א "עֵת", וועגן צייטווייליג. אזוי ווי ביי אליהו הנביא, אבער אויב דער נביא זאגט צו מבטל זיין א מצוה אויף אייביג טאר מען אים נישט פאלגן. דאס איז די כוונה פון רש"י און רמב"ם די צוויי תְּנָאִים פון זיך צוהערן צו א נביא. (אך פרי תבואה – ליסקא)

**תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ:** (יח יג) מיר ווייסן אז ה' איז מדת הרחמים, און אלקים איז מדת הדין, אויב אזוי ווי שטימטביידע צוזאמען? איז דער תירוץ אזוי ווי די משנה זאגט (ברכות פ"ט מ"א) בְּכָל מְאֹדֶךָ, בכל מדה ומדה שהוא מודד לו הוי מודה ליה מאד מאד, דאס מיינט מען דארף ליב האבן דעם אויבערשטן מיט וואס ער גיט דעם מענטש סיי דין און סיי רחמים. דאס מיינט תָּמִים תִּהְיֶה, זאלסט זיין גאנץ מיטן אויבערשטן און אים ליב האבן, עִם ה', ווען עס איז גוט, מדת הרחמים, און אֱלֹקֶיךָ, ווען עס איז מדת הדין. און וואס איז די שכר פון מקבל זיין אלעס בשמחה? זאגט דער פייט ביי זמירות ליל שבת: כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל אַהֲבַת תָּמִים, ה' איז מדת הרחמים–גוטס– און אֱלֹקֵי איז מדת הדין, פונדעסטוועגן אַהֲבַת תָּמִים, זאלסט ליב האבן דעם אויבערשטן און זיין גאנץ ביי דיר בשמחה, וועט ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל דיר געבן תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים. א אייביגער ישועה, וואס דאס איז (ישעיהו סה כד) וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ: איידער דו וועסט בעטן, וַאֲנִי אֶעֱנֶה: וועסטו האבן א אייביגע ישועה. (מעגלי צדק –דעעש)

**דרשה פון בעל זרע שמשון אויף וַעֲשִׂיתֶם לוֹ כַּאֲשֶׁר זָמַם לַעֲשׂוֹת לְאָחִיו**

(י"ט י"ט) זאגט רש"י שטייט כַּאֲשֶׁר זָמַם ולא כַּאֲשֶׁר עָשָׂה, פון דא האבן די חכמים געדרשנ'ט, הָרְגוּ, אויב דורך די עדים זוממין האט מען שוין געהארגעט, אֵין נֶהֱרָגִין, הארגעט מען נישט די עדים זוממין, פרעגט דער ספר לוית חן: אז די גמרא לערנט דאך ארויס דעם דרש פון הרגו אין נהרגין ווייל עס שטייט "לְאָחִיו", אז נאר ווען אָחִיו לעבט און נישט אויב מען האט איהם שוין געהארגעט? ענטפערט דער זרע שמשון אז רש"י איז גערעכט, און באמת לערנט מען ארויס הָרְגוּ אֵין נֶהֱרָגִין, פון כַּאֲשֶׁר זָמַם ולא כַּאֲשֶׁר עָשָׂה, און דאס וואס עס שטייט אין די משנה אז מען לערנט דאס ארויס פון "לְאָחִיו", דאס רעדן די חכמים צו די צְדוֹקִים ווייל אין מס' (מכות ב.) לערנט ארויס די גמרא פון "לְאָחִיו", אז זוֹמְמֵי בַּת כֹּהֵן באקומט די עדים זוממין די שטראף פון חֶנֶק וואס זיי האבן געוואלט מחייב "לְאָחִיו" זייער ברודער, דאס הייסט די עונש פון די מַאן, און נישט די עונש פון די בת כהן וואס דאס איז שְׂרֵיפָה, דעריבער האבן די חכמים פארשטאנען אז דעם דרש פון "לְאָחִיו", אויף זוֹמְמֵי בַּת כֹּהֵן וועלן די צְדוֹקִים נישט מקבל זיין, וועט דאך זיין איבעריג לויט זיי די פסוק פון "לְאָחִיו", וועגן דעם זאגן צו זיי די חכמים, אז "לְאָחִיו" קומט צו לערנען הָרְגוּ אֵין נֶהֱרָגִין, ווייל עס דארף זיין כַּאֲשֶׁר זָמַם לַעֲשׂוֹת לְאָחִיו איז נאר ווען אחיו איז קיים, טוט מען כַּאֲשֶׁר זָמַם, אבער אויב הָרְגוּ, איז אחיו שוין נישט קיים. קען מען נישט מקיים זיין כַּאֲשֶׁר זָמַם, אבער אונז וואס זענען מקבל די דְּרָשַׁת חַזַ"ל פון לְאָחִיו, אויף זוֹמְמֵי בַּת כֹּהֵן, איז דער לְאָחִיו נישט איבעריג, און מיר נוצן דעם פסוק כַּאֲשֶׁר זָמַם ולא כַּאֲשֶׁר עָשָׂה, אויף הָרְגוּ אֵין נֶהֱרָגִין, און אזוי פסקנ'ט דער רמב"ם און די פוסקים אזוי ווי רש"י וואס זאגט מכאן אמרו הָרְגוּ אֵין נֶהֱרָגִין, פון כַּאֲשֶׁר זָמַם. (זרע שמשון ר' חיים שמשון נחמני זצוק"ל הילולא ו' אלול וז"ל בהקדמה: כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפלה לברור המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי למודם יהיה לי להשיב נפש ולעידן רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד לעד לאכול ולשבוע בעולם הבא ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי דבזכותא תלו. און נאכדעם שרייבט ער "ומעתה אחי וריעי אוהבי ומידעי זרע ברוכי ה' הא לכם זרע אור זרוע לצדיקים כמותכם, במטותא בעינא מינייכו זרעו לכם לצדקה וקצרו לפי חסד של אמת וכי מרובה מדת תשלומי חן וחסד ושלמא רבא מן שמיא, ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם חכמים נבונים ובתים מלאים כל טוב גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם, עד יתקיים בכם המה יראו כבוד ה' הדר אלהינו ונשא נס לגוים ואסף נדחי זרע ישראל בבי"א."דער הייליגער חיד"א איז מעיד אין ספר שם הגדולים אויף זיין גרויסקייט. עס איז בדוק ומנוסה אז מענטשן וואס האבן עוסק געווען אין דרוקן זיינע ספרים און געלערנט זיינע תורות, זענען געהאלפן געווארן חוץ לדרך הטבע מיט קינדער און פרנסה,)

# מדור העובדות

## הרה"ק ר' יעקב ארי' פון ראדזימין זצוק"ל איז מעורר דעם גרויסקייט פון דאווענען מנחה

הרה"ק ר' יעקב ארי' פון ראדזימין זצוק"ל, ר' יענקעל'ע (אזוי האט מען איהם גערופן) איז געבוירן געווארן אין ווארקא תקנ"ב צו זיין טאטן הרבני ר' שלמה גוטערמאן א שניט סוחר און א גרויסער בעל צדקה, און צו זיין מאמע מרת בינה א גרויסע צדיקות. ער איז געווען באוואוסט פאר א גרויסער בעל מופת און זיינע תלמידים דער הייליגער ישמח ישראל און הרה"ק ר' יחיאל מאיר מגאסטינין שרייבן וואונדער אויף זייער הייליגן רבין.

אין א דארף בוֶען האט געוואוינט א איד ר' ישראל וואס ער איז געווען א ערליכער איד און א בן תורה. זיין מסחר איז געווען צו כאפן פיש און האט שטארק מצליח געווען אין דעם. עס האט זיך געמאכט אז א וואך וואס ער האט פשוט נישט מצליח געווען צו כאפן קיין איין פיש און אזוי איז געגאנגען א פאר וואכן מיט ליידיגע נעץ. טראכט ער אז די אנדערע וואך וועט זיין בעסער אבער עס גייט אריבער אפאר וואכן און ער כאפט נישט קיין פיש, ער האט פארשטאנען אז עפעס וויל דער אויבערשטער פון איהם. ער האט געמאכט א חשבון הנפש אבער ער האט נישט געקענט דערגיין וואס דאס קען זיין. ער האט געהאט א חבר ר' קאפיל דער שוחט וואס איז געווען א דערהויבענער חסיד און א בר דעת און ער האט מחליט געווען ער גייט אים פרעגן א שאלת חכם. זאגט אים ר' קאפיל אז ער פארט באלד צו זיין רבין ר' יענקעל'ע ראדזימינער און אויב ער וויל וועט ער אים מיט נעמען און דער רבי וועט איהם זיכער ענטפערן. א חסיד איז ער נישט געווען אבער אז ער דארף א ישועה האט ער מסכים צו גיין צו א רבין!

אין ראדזימין זענען זיי אריין צום רבין און ר' קאפיל שטעלט פאר פארן רבין זיין ידיד ר' ישראל אז ער איז א ערליכער איד און דערציילט פארן רבין אז ער האט אמאל מצליח געווען ביים מסחר פון פיש און לעצטנ'ס כאפט ער נישט קיין פיש און ער וויל רעדן מיטן רבין וועגן דעם. ר' יענקעל'ע איז געווארן בייז אויף ר' קאפיל פארוואס זיי ביידע דארפן קומען און פארוואס דארף ער פארשטעלן זיין חבר, וואס קען אליין רעדן פאר זיך, און האט זיי ביידע ארויסגעווארפן פון צימער. ביי חסידים איז דאס געווען א סימן אז מען איז שוין געהאלפן.

עס געדויערט נישט א האלבע שעה און דער רבי שיקט רופן ר' ישראל צו זיך און נעמט אים אויף זייער פריינדלאך און זאגט אים: היות אז לעצטנס האסטו א ביסל מזלזל געווען אין מנחה דאווענען דאנערשטאג ביים כאפן די פיש און האסט אויך א פאר מאל פארגעסן צו דאווענען ווייל דו האסט א ביסל געטרונקען מיט די גוים און דאס איז די סיבה פון דיין ירידה. וועסטו זיך פארנעמען צו אכטונג געבן אויף דיין מנחה דאווענען וועסטו מצליח זיין. ר' ישראל האט געדאנקט דעם רבין און האט צוגעזאגט אז ער וועט פאלגן דעם רבין.

דער קומענדיגע וואך איז ער געקומען כאפן פיש און די גוים האבן אים געבעטן קומען טרינקען מיט זיי אבער ער האט נישט געוואלט און איז געגאנגען דאווענען מנחה מיט כוונה, און נאכדעם געגאנגען כאפן פיש און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ער האט געטראפן אסאך פיש אין זיין נעץ. אזוי האט ער זיך געפירט אלע דאנערשטיג און האט מצליח געווען און איז געווארן א עושר. ער האט חתונה געמאכט זיינע טעכטער מיט תלמידי חכמים און האט געהאט נחת פון זיי.

נאך א סאך יאהרן האט זיך נאכאמאל אנגעהויבן דעם נסיון פון טרינקען מיט די גוים און זיין מנחה דאווענען איז געווארן שוואך און ווייטער איז די מסחר געגאנגען מטה מטה און קיין פיש האט ער נישט געכאפט .דער בעל דבר האט איהם בארוהיגט אז ער האט דאך נאך א סאך געלט און דארף זיך נישט זארגן. און האט ווייטער געטרונקען מיט די גוים און זיין מנחה איז געווארן זייער שוואך. מיט די צייט האט ער געפילט אז זיין געלט גייט זיך אויסלאזן. ער האט תשובה געטאן און האט זיך דערמאנט זיין צוזאג צום רבין. דאס מאל האט שוין גארנישט געהאלפן און פיש גייען נישט אריין אין זיין נעץ.

מיט א צובראכנקייט האט ער מחליט געווען אז ער גייט פארן צום ראדזימינער צדיק, אפשר וועט ער פאר אים עפעס פויעלן. יענע נאכט איז געווען א גרויסער עולם ביים רבין און דער משב"ק ר' הערשל פלעגט אריינלאזן די נגידים פריערט, און ר' ישראל האט געמוזט ווארטן. עס איז שוין געווארן נאך 1 אזייגער באנאכט און ר' ישראל בעט דעם משמש אז ער פלעגט דאך אויך געבן אסאך געלט פארן רבי'ן און אויך פאר איהם, און מען זאל איהם אריין לאזן. דערווייל האט זיך די טיר פון רבין פארמאכט און דאס איז געווען א סימן אז דער רבי גייט זיך שוין אפרוהען און מען לאזט שוין נישט קיינעם אריין.

ר' הערשל אנטשולדיגט זיך, אבער ר' ישראל בעט זיך בתחנונים אז ער ווארט שוין אזוי פיל שעה און ער וויל מען זאל איהם אריין לאזן צום רבין. ר' הערשל האט געוואוסט אז מען קען שוין נישט אריין גיין נאך דעם וואס די טיר איז פארמאכט. דער משב"ק האט אבער באקומען א רחמנות אויף ר' ישראל און טראכט א עצה! ער גייט לעבן טיר פון רבין און שרייט "די חסידים לאזן מיר נישט אהיים גיין און לאזט נישט דעם רבין זיך אפרוהען און ר' ישראל פון בוען לאזט מיר אויך נישט אהיים גיין." און פלוצלונג עפענט זיך די טיר און דער רבי רופט דעם משמש ר' הערשל ער זאל אריינקומען. אין א פאר מינוט ארום זאגט ר' הערשל צו ר' ישראל אז דער רבי איז מסכים אים צו זען. ר' ישראל קומט אריין צום רבין און לייגט אוועק זיין קוויטל און דער רבי ליינט די קוויטל און גיט א קרעכטץ און זאגט עשירות האסטו שוין פארלוירן, אין אמת'ן וואלסטו אויך געדארפט פארלירן דיין פרנסה און חלילה זיין א ארימאן, אבער איך זעע אז איך קען נאר פויעלן פרנסה פאר דיר אבער דאס איז דער לעצטער מאל וואס מען וועט דיר קענען העלפן.

דעריבער זאלסטו וויסן אז תפלת מנחה איז זייער חשוב אין הימל און דו מוזט אויף דעם האבן מסירת נפש און נאר דורך דעם וועסטו זוכה זיין האטש אויף פרנסה. ר' ישראל האט צו געזאגט דעם רבין אז ער וועט שוין נזהר זיין אויף זיין דאווענען און האט געבעטן אז זיין תשובה זאל אנגענומען ווערן. און ער האט באדאנקט דעם רבין, און איז אהיים געפארן. ר' ישראל האט שוין געזען אז זיין מנחה דאווענען זאל זיין מיט כוונה און אזוי איז געווען, אז ר' ישראל האט געהאט פרנסה מצומצם אלע זיינע יארן. אבער ער האט געדאנקט דעם רבש"ע אז פרנסה איז דא. ער האט געזען דעם גרויסן חשיבות אין הימל פון תפלת מנחה. (ספר צדיקים און חסידים)

לעי"נ אבי מורי ר' יהודה ב"ר יעקב הלוי שוחט ז"ל נפטר ו' אלול תשע"ד
תנצב"ה יהא זכרו ברוך הונצח ע"י בנו ידידינו ר' משה הלוי שוחט נ"י

**מזל טוב לידידי המרביץ תורה לרבים ר' אלעזר ברוך בהרה"צ ר' שבתי באלד שליט"א לנישואי בנו ר' צבי נ"י**


נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*

**תהלים בן ביתי סגולה לכל דבר 1800$. ליקוטי צבי דפוס אמשטרדם תע"ז שיינער מצב 800$. סדר תשליך פון חוות דעת דפוס ראשון זייער זעלטן, ספר ברית מנוחה דפוס בארדיטשוב הסכמת הקדושת לוי – בדוק ומנוסה לשמירה משריפה 2000$, ספר קהלת דוד טאלנא דפוס ראשון, גרויסע תהלים שנת תרכ"א דפוס זיטאמיר, מגן אברהם דפוס ראשון. סעט נ"ך בינוני דפוס זיטאמיר. חמש מחזורים כרך א' ספרד נדפס בזיטאמיר, א נישכיזער תהלים מיוחד לשמירה וסגולה, ספר נועם אלימלך לבוב תר"ט, דברי דוד טשארטקוב דפוס ראשון, ספר הרוקח דפוס זיטאמיר, ספר הק' אור החיים דפוס ראשון נחלק לפרשיות תרומה עד צו, ספר שו"ת יהודה יעלה פון מהר"י אסאד מיט פיל הגהות פון הרה"ג ר' עמרם ראזענבערג אב"ד ראצפערט. שמירה מטבע פון הר' כדורי 2000$, שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון שייך לאדמו"ר מוויליקא קוידנויב 3000$, א שיינע סעט היכל הברכה קאמארנא שנת תש"י. ספר באלאנגט צו הרה"ק ר' אברהם יוסף גרינוואלד. בריוו פון אדמו"ר בוהוש זצ"ל מא"י, ר' זוסיא טשערנאביל זצ"ל מא"י ועוד אדמור"י טשערנאביל. א בריוו פון הר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאו אודות מצבו הירוד. בריוו פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ שוועך פון בעל חובת התלמידים. הרה"ק ר' ישראל שפירא מגראדזיסק חתן ר' אשר מסטאלין 2000$. הר"ר יצחק צבי לעבאוויטש אב"ד טשאפ און א רשימה פון זיין קהילה. בריוו פון הגאון ר' דוד ניימאן ראב"ד פרעשבורג תלמיד חת"ם סופר 1200$. א מענה לשון האט באלאנגט צו מקובל פון רעננה ר' יצחק הוברמן. ספר שלחן הטהור להרה"ק ר' אהרן ראטה זצוק"ל דפוס ראשון נדיר. נועם אלימלך נדפס בטארנא תרנ"ו. ספר חיים וחסד דפו"ר, ספר הגדה עפ"י חסידות, הגדה לימודים בניסים דפוס ראשון נדיר,**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1 till 1 seforim@gmail.com**